**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 07/18/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט וועגן א נייע עקזעקוטיווע אקציע אויף דער האוזינג קריזעס צו פארגרעסערן אויסוואל, שאפן צוגענגליכע האוזינג, און רעקלאמירן ברייטערע האוזינג פארמערונג**

***דאס שאפט א פראגראם צו אוואנסירן פראיעקטן אין דער גוואנעס איבערזאנירן שטח אפגעשטעלט צוליבן אפלויף פון A-421, אויפשליסן טויזנטער דירות פון האוזינג, ארייגערעכנט צוגענגלעכע האוזינג***

***שרייבט אונטער אן עקזעקוטיווער באפעל וואס שטעלט פעסט א פרעפערענץ פאר צערטיפיצירטע [פרא-האוזינג קאמיוניטיס](#) צו האבן צוגאנג צו $650 מיליאן אין א פאנד לויטן איינזען***

***באשטעטיגונג וואס פאדערט אז אלע סטעיט ענטיטעטן זאלן איבערקוקן סטעיט-פארמאגטע סייטס פאר פאטענציאלע האוזינג; מעלדונג פון אפענע פארלאנגען פאר פארשלאגן אין צוויי סייטס וואס געהערן צו דער סטעיט וואס קען מעגליך ארויסגעבן הונדערטער האוזינג דירות***

***שטרייכט אונטער איניציעטיוון געצילט צו אדרעסירן רעגוליר-אפהאלטונגען צו פראדוקציע פון האוזינג***

***לונצירט א טעסט ווערסיע פון האוזינג דאטע קאנראלברעט, טיילן צו באקומען די לעצטע האוזינג דאטע, צו העלפן סטעיט און לאקאלע רעגירונגען אידענטיפיצירן שוועריגקייטן און נאכגיין פראגרעס וועגן האוזינג פארמערונג - צו באקומען [דא](#)***

***בויעט אויף פיסקאלע יאר 2024 בודזשעט אינוועסטירונגען אין האוזינג און דער גאווערנערס אנגייענדיגע התחייבות צו מאכן ניו יארק מער צוגענגליך***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן עטליכע [עקזעקוטיווע אקציעס](#) צו רעקלאמירן האוזינג פארמערונג אלץ טייל פון איר אנגייענדיגע התחייבות צו אדרעסירן ניו יארקס האוזינג קריזעס, צום גרויסן טייל אנגעפירט ביי א שווערע האוזינג אויספעל. די אקציעס זענען כולל א פראגראם צו גיין פאראויס מיט וואוין-פראיעקטן וואס האבן זיך אפגעשטעלט מיטן אויסלויפן פון A-421 וואס רעכנט אריין צוגענגליכע האוזינג אין דען גוואנעס געגנט אין ברוקלין; אן עקזעקוטיווע אקציע וואס באשטעטיגט פרעפערענץ אין געוויסע פאנדס לויטן איינזען פראגראמען פאר לאקאלעטיס איבער דער סטעיט וואס פאלגן אויס מיט א נייע "פרא-האוזינג קאמיוניטי" סערטיפיקאציע פראצעס; א נייע פאדערונג אז אלע סטעיט ענטיטעטן זאלן אידענטיפיצירן דעם פאטענציאל פון זייער לאנד וואס געהער צו דער סטעיט צו שטיצן האוזינג; לעצטע און קומענדיגע רעגוליר-איניציעטיוון צו אידנטיפיצירן געלעגנהייטן פאר גרעסערע עפעקטיווקייטן צו רעקלאמירן האוזינג פארמערונג; און לאנצירן די טעסט ווערסיע פון א נייע, אינטעראקטיווע פארטל צו זאמלען און זיך טיילן מיט קאמיוניטי-שטאפל האוזינג און זאנינג דאטע און אינפארמאציע אויף אן אנגייענדיגן אופן.

דער געווארנער בלייבט ווייטער איבערגעגעבן צו אנטוויקלען שאפערישע לייזונגען בשותפות מיטן לעגיסלאטאר צו העלפן ניו יארקער טרעפן און האלטן א מענטשלעכע הויז וואס זיי קענען זיך ערלויבן. די אקציעס בויען אויף אינוועסטירונגען פארזיכערט ביי גאווערנער האקול אין דעם פיסקאלן יאר 2024 בודזשעט צו מאכן די סטעיט מער וואוינעוודיג און צוגענגליך פאר אלע ניו יארקער.

"ניו יארקס האוזינג קריזעס גייט נישט אין ערגעץ, און איך בין אנטשלאסן צו טון אלעס אין מיין כוח צו מאכן ניו יארק מער צוגענגליך, און וואוינעוודיג פאר אלע," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די עקזעקוטיווע אקציעס זענען א וויכטיגע ערשטע טריט צו פארברייטערן אונדזער האוזינג אויסוואל און רעקלאמירן האוזינג פארמערונג.אבער מאכט נישט קיין טעות: צו געצליך אדרעסירן דעם פארנעם פון דער קריזיס, דארפן מיר האבן טואונג פון דער לעגילאטאר -- און איך בין זיך מתחייב צו ווייטער אנגיין מיט אונדזער ארבעט און די קומענדיגע מאנאטן."

**צוהעלפן אנטוויקלונג פון האוזינג, ווי אויך צוגענליכע האוזינג, דורך דער גאוואנוס פראגראם**
דער גאווערנער האט אנאנסירט א פראגראם מיטן צוועק צו צילן ספעציפישע בענעפיטן און האוזינג אבליגאציעס גלייך צו דער געוועזענע A (16-421) פראגראם צו אנטוויקלען פארשלאגן וואס ליגן נאך אין די הענט פון דער אפגעלאפענער פראגראם אין דעם גאוונוס געגנט אין ברוקלין. פארשלאגן וועלן זיך אפרופן צו א פארלאנג פאר אפליקאציעס איינגעגעבן ביי עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט. פאר פאסיגע פארשלאגן, וועט עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט קויפן די פריוואטע פראפערטיס פאר א סימבאלישן אפצאל, אויסדינגען די פראפערטי צוריק צו די ארגינעלע בעלי בתים פאר א לאנג-טערמיניגע ליס מיטן באדינג וואס וועט אויסקוקן ענליך צו דער a (16-421) בענעפיט פעריאד, און פארשרייבן דעם פראפערטי צוריק צום ארגינעלן אייגנטימער ווען עס ענדיגט זיך דעם בענעפיט פעריאד. אין אויסטויש, וועט דער פראפערטי אייגנטימער מאכן אפצאלונגען גלייך צו די רעדוצירטע שטייערן וואס דער פראפערטי אייגנטימער וואלט געדארפט באצאלן אויב עס וואלט געענדיגט בויען איידער דער אפגעלאפענער a (16-421) פראגראם ענדע טערמין פון יוני 15, 2026.

פארשלאגן וועלן דארפן אויספאלגן מיט צוטריטליכקייט, ארבעט, און אנדערע פאדערונגען ענליך צו יענע פון די a (16-421) פראגראם און באפרידיגן געוויסע פאסיגקייטן, וואס זענען כולל אבער נישט באגרענעצט צו:

- עס דארף זיך געפונען אין דער גואנעס איבער-זאנינג געגנט;
- עס ליגט נאך אלץ אין די הענט פון דער אפגעלאפענער a(16-421) פראגראם;
- האבן פלאץ פאר כאטש 50 האוזינג דירות;
- האבן אין זיך צוטריטליכע האוזינג וואס איז בהסכם מיט a(16-421), אבער, זיך משתתף זיין וועט פארלאנגען די צוטריטליכע האוזינג דירות צו בלייבן צוטריטלעך אויף אייביג;
- פול בארעכטיקט לויטן סיטי זאנינג און רעגולירטע קאודס וואס זענען שייך; און
- די מעגליכקייט אויסצופאלגן עמפייער סטעיט דעוועלאפמענטס מינאריטעט און פרויען-געאייגנטע ביזנעס פירנעמעריי קאנטראקטינג פאדערונגען.

די פראגראם וועט ווערן צוגעשטעלט פאר א הסכמה צו די עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט דירעקטארן שפעטער אין דער וואך. יעדער פארשלאג וועט אדורכגיין א פובליק איבערקוק פראצעס וואס וועט אריינרעכענען עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט באורד און פובליק אויטאריטעטן קאנטראל באורד הסכמות.

אין 2021, האט דער ניו יארק סיטי קאונסיל אדורכגעפירט א ברייטע איבערזאנינג וואס דעקט 82 בלאקס אין גואנעס צו בויען דעם געגנטס אריינגעם צו באפרידיגן האוזינג פארמערונג. די פראגראםרעפערעזענטירט זייער א וויכטיגער ערשטער טריט צו ראטעווען ריזיקירטע האוזינג נאכן אויסלויפן פון a-421 ביי ערלויבן עטליכע עקסיסטירנדיגע וואוינונג פארשלאגן אין גואנוס וואס זענען יעצט אריינגעטון אין 421-16(a) צו רוקן פאראויס, אויפצושליסן טויזנטער דירות פון האוזינג, ווי אויך צוטריטליכע האוזינג.

**פריאריטיזירן פרא-האוזינג קאמיוניטיס פאר געוויסע געלטער לויטן איינזען**

דער גאווערנער האט אויך אונטערגעשריבן אן עקזעקוטיווער באפעל וואס האט דעזיגנירט געוויסע געלטער לויטן אנזען אלץ "פרא-האוזינג קאמיוניטי פראגראמען" צו אנערקענען און באלוינען מוניציפאליטאטן וואס טוען אקטיווערהייט זוכן זיך משתתף זיין אויפצושליסן זייער האוזינג פאטענציאל. די פראגראמען טוען פריאריטיזירן געלטער באזירט אויף א נייע סערטיפיקאציע פראצעס וואס וועט ווערן אנטוויקלט און געפירט ביי האומס און קאמיוניטי באנייאונג און וועט ווערן אוועקגעשטעלט אויף פאקטארן וואס שאצן אפ די לאקאלעטיס הצלחה און התחייבות'ן צו אינדנטיפיצירן פעלערן און פראמאווירן האוזינג פארמערונג. די פאקטארן וועלן נעמען אין חשבון אויב די לאקאלעטיס זענען איבערגעגעבן אנצונעמען די וויכטיגע טריט צו שטיצן האוזינג פאליסעס, אזוי ווי פארפשוטערן ערלויבענישן און אננעמען פרא-האוזינג און זאנינג דאטע צו דער סטעיט צו העלפן אידנטיפיצירן שוועריקייטן און דערווישן פראגרעס וועגן האוזינג פארמערונג. קאמיוניטיס וואס באגעגענען יערליכע האוזינג פארמערונג צילן פון איין פראצענט דאונסטעיט און א דריטל פראצענט אפסטעיט וועלן באקומען שפיץ פריאריטעט.

צו שטיצן קאמיוניטיס וואס באקומען די סערטיפיקאציע, פאדערט דער גאווערנערס עקזעקוטיווער באפעל צו פריאריטיזירן יענע מוניציפאליטאטן וואס זענען געווארן סערטיפייד אלץ פרא-האוזינג איבער יענע וואס האבן נישט אין אפליקאציעס פאר ספעציפישע געלטער לויטן איינזען פראגראמען. לויטן באפעל, די פאלגנדע סטעיט פאנדינג איניציאטיוון, וואס באטרעפט מער ווי 650$ מיליאן, וועט געבן ספעציעלע באלוינונגען פאר פרא-האוזינג קאמיוניטיס עקסטערע באטאנען זייערע אפליקאציעס.

- דאונטאון ווידער אויפלעבן איניציאטיוו, אדמיניסטריט בי דער דעפארטמענט אוו סטעיט;
- NY פארווערט, אדמיניסטריט בי דער דעפארטמענט אוו סטעיט;
- ראיאנאלע קאונסיל קאפיטל פאנד, אדמיניסטריט ביי עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט;
- ניו יארק מעין סטריט אדמיניסטרירט ביי ניו יארק סטעיט ׳האומס און קאמיוניטי באנייאונג;
- מארקעט ניו יארק קאפיטל גרענטס, אדמיניסטריט ביי עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט;
- לאנג איילענד אינוועסטירונג פאָנד, אדמיניסטריט ביי עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט;
- מיד-האדסון צאצענטאם פאָנד, אדמיניסטריט ביי עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט; און
- פובליק טראנספארטאציע מאדערניזאציע פארבעסערונג פראגראם, אדמיניסטרירט ביי דעפארטמענט אוו טראנספארטאציע

דערצו, פירט אן דער עקזעקוטיווער באפעל די ניו יארק אגענטורן, פובליק אויטאריטעטן, פובליק בענעפיט קארפאראציעס, און ענליכע סטעיט ענטיטעטן, צו נעמען אין באטראכט וועגן נאך האוזינג אין אלע פאליסעס און פראגראמאטישע החלטות.

**אידנטיפיצירן סייטס וואס געהערן צום סטעיט פאר פאטענציעלע האוזינג**

בויען אויף דער גאווערנערס אנגייענדיגע באמיאונגען צו נוצן סייטס וואס געהערן צו דער סטעיט צו פארקלענערן די האוזינג קריזעס, פאדערט אויך דער עקזעקוטיווער באפעל אז אלע סטעיט ענטיטעטן מוזן אדורכקוקן זייער לאנד וואס געפונען זיך אין זייערע הענט און קאנטראל און באשטעטיגן אויב די

סייטס קענען ווערן גענוצט אדער פאר האוזינג אנטוויקלונג אדער צו שטיצן האוזינג דעוועלאפמענט דערנעבן.

בהסכם מיטן עקזעקוטיווער באפעל,האט דער גאווערנער אנאנסירט אנצונעמען פארלאנגן פאר פארשלאגן צו איבעראנטוויקלען דאונסטעיט קארעקשענל פאסיליטי אין פישקיל און דער דזשאוויטס סענטער סייט K אין מאנהעטן ביידע ערלויבן דעם באניץ פון וואוינערס. אנטוויקלונג פון די סייטס קען פאטענציאל אריינברענגען הונדערטער האוזינג דירות, וואס ווייזט אז דער גאווערנער שטעלט צו אירע התחייבותן צו נוצן אלע רעסורסן וואס די סטעיט פארמאגט צו שטיצן האוזינג פארמערונג.

**אדרעסירן רעגוליר-אפהאלטונגען צו פראדוקציע פון האוזינג**
דער גאווערנער האט אויך געמאלדן די לעצטע און קומענדיגע אקציעס צו אדרעסירן סטעיט רעגוליר-אפהאלטונגען צו בויען נייע האוזינג. די דעפארטמענט און סטעיט האט איינגעפירט רעגוליר-אמענדירונגן וואס וועט אויסגלייכן אירע רעגולאציעס פון דער סטעיט ענווייראנמענטאלע קוואליטעט איבערקוק אקט (State Environmental Quality Review Act, "SEQR") מיט אנדערע אגענטורס SEQR רעגולאציעס און וועט העלפן אדורכפירן צו באקומען ווריאנצעס לויטן גלייכמאסיגע פייער אפהאלט און בילדינג קאוד און ענרגיע קאנסערוואציע קאנסטרוקציע קאוד. די דעפארטמענט און ענוויראנמענטאל קאנסערוואציע וועט אויך אויספארשן געלעגנהייטן צו אידענטיפיצירן עפעקטיווקייטן אין איר SEQR רעגולאציעס צו רעקלאמירן ענוויראנמענטאל פריינטליכע האוזינג פארמערונג בשעת'ן אנהאלטן SEQRs קריטישע פראטעקציע פאר אלע קאמיוניטיס.

**נייע פארטל פאר האוזינג דאטע**
גאווערנער האקול האט געמאלדן דעם לאנציר פון די טעסט ווערסיע פון א [האוזינג דאטע קאנטראבערעט] צו טיילן סטאטיסטיקס און אינפארמאציע וועגן האוזינג און זאנינג שטראם און פראקטיקס פון ארום דער סטעיט. דער האוזינג דאטע קאנטראלברעט וועט צושטעלן קריטישע אינפארמאציע צו העלפן די סטעיט און מאניציפאליטאטן אידענטיפיצירן שווערינקייטן און נאכגיין פראגרעס אין האוזינג פארמערונג און וועט פארשפרייטן מיט דער צייט צו כולל זיין נאך אינפארמאציע פון איינגעבונגען געמאכט לויט די פרא-האוזינג קאמיוניטיס סערטיפיקאציע פראצעס און אנדערע מקורות.

**פיסקאלע יאר 2024 בודזשעט אינוועסטירונגען**
די היינטיגע אקציעס בויען אויף אינוועסטירונגען פארזיכערט ביי דער גאווערנער אין דעם פיסקאלן יאר 2024 בודזשעט צו העלפן אדרעסירן ניו יארקס האוזינג קריזעס. דער בודזשעט רעכנט צו $391 מיליאן אין דינגערס הילף צו פארברייטערן ניו יארק'ס עמערדזשענסי רענטל הילף פראגראם צו דעקן נאך טענענטס און פאמיליעס - אריינרעכענענדיג NYCHA און אנדערע פובליק האוזינג איינוואוינער. דער בודזשעט רעכנט אויך צו נאך $50 מיליאן פאר טענענט לעגאלע סערוויסעס און שאפט א נייע טענענט פראטעקציע אפטייל אפיס אין אפסטעיט ניו יארק צו צושטעלן ווי אזוי זיך צו פירן, שטיצן, און לעגאלע שטיצע צו א פילמיניגע גאמע פון טענענטס אינדערויסן פון ניו יארק סיטי.

פאר מער אינפארמאציע וועגן גאווערנער האקולס האוזינג אקציעס, באזוכט [דא].

**ניו יארק סטעיט האום און קאמיוניטי באנייאונג קאמיסיאנעריירות און וויסנאוסקעס האט געזאגט,**"אונדזער האוזינג אויספעל אפעקטירט יעדן איינעם, און דער גאווערנער נעמט אן וויכטיגע שריט היינט צו העלפן פאמיליעס אין ניו יארק, באפרידיגן די געברויכן פון ארבעטער און ביזנעסעס, און פארבעסערן קאמיוניטיס איבער דער סטעיט. יעדע פון די אקציעס - צו עס זאל זיין גואנעספילאטפראגראם, די פרא-האוזינג קאמיוניטי איניציעטיוו אדער טרעפן בעסערע וועגו צו אינדנטיפיצירן און פארריכטן פארשטעלעכצער צו פראדוצירן האוזינג - וועט אונדז אוועקשטעלן אויף א בעסערן וועג אויסצופילן דעם פארלאנג פון צוטריטליכע האוזינג אין ניו יארקץ פונדעסטוועגן, מוזן מיר

ווייטער ארבעטן צוזאמען מיט די לעגיסלאטור, לאקאלע רעגירונג אפיצירן און אנדערע שותפים אין דער האוזינג קאמיוניטי אוועקצושטעלן ארומנעמיגע פאליסעס וואס וועט שטארק פארמערן די פראדוקציע פון האוזינג און פארברייטערן צוגאנג צו קוואליטעטע האוזינג געלעגנהייטן פאר אלע ניו יארקער."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָפּ נייט, האט געזאגט,** "אונטער גאווערנער האקול פירערשאפט טוט ניו יארק ווייטער אנפירן מיט די באמיאונגען צו אדרעסירן די סטעיטס האוזינג קריזעס. האוזינג איז קריטיש פאר יעדע ארומנעמיגע עקאנאמישע אנטוויקלונג סטראטעגיע; ביזנעסעס דארפן האבן א שטארקע ארבעטקראפט צו וואקסן, און האוזינג איז קריטיש פאר אן ארבעטסקראפט זיך צו פארמערן. פארגרעסערן די סטעיטס האוזינג אינוועטאר איז געווען א צייל פון דער גאווערנערס אדמיניסטראציע, און די היינטיגע שטאלצע אקציעס רעפרעזענטירן א פילזייטיגע צוגאנג וואס וועט רעקלאמירן נייע קאנסטרוקציע און וועט מוטיגן צוגעפאסטע איבערניץ פון עקסעסטירנדיגע בינינים."

**דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאל קאנסערוואציען קאמיסיאנער באזיל סעגאס האט געזאגט,** "איך אפלאדיר גאווערנער האקול פאר איר טירחה צו פאראנטווארטליכערהייט און עפעקטיווערהייט באלאנסירן ענוויראנמענטאלע פראטעקציע מיט צוטריטליכע האוזינג אנטוויקלונג. דער גאווערנער פירערשאפט אין דעם קריטישן ענין וועט העלפן צושטעלן ניו יארקס האוזינג געברויכן אין קאמיוניטיס איבער דער סטעיט."

**ניו יארק סיטי מייאר עריק אדאמס האט געזאגט,** "גואנעס רעפרעזענטירט איינע פון דער סיטיס מיילשטיין געלעגנהייטן צו שאפן נייע האוזינג, און גאווערנער האקולס אקציע איז א ביישפיל פון דער סארט ארעט וואס מיר אלע דארפן טון צו אדרעסירן דעם האוזינג אויספעל און פארזיכערן אז יעדע קאמיוניטי טוט איר חלק. ניו יארק סיטי ערווארט זיך צו בויען אויף די באמיאונגען צו אוואנסירן אונדזער סיטי פון יעס זאנינג אמאנדירונג, אונדזער "געט סטאף בילט" פלאן צו פארגיכערן האוזינג קאנסטרוקציע, און אנדערע מחדש'דיגע פראגראמען. און מיר וועלן ווייטער משתתף זיין מיט גאווערנער האקול און געוויילטע אפיצירן איבער דער סיטי און סטעיט צו פארזיכערן אז ניו יארק וועט אייביג בלייבן א שטאט פאר ארבעטס מענטשן."

**סטעיט סענאטאר אנדרו גאונארדעס האט געזאגט,** "די טיפקייט פון אונדזער האוזינג קריזעס איז שרעקליך, און מיר דארפן דרינגעוודיגע אקציע דאס צו אדרעסירן. בעת ווען מיר דארפן אן ארומנעמיגע לעגילאטיווע לייזונג צו גענצליך איינקווארטירן ניו יארקער, היינטיגע מעלדונג איז קריטיש פאר דער גואנעס קאמיוניטי און אונדזער סיטי, וואס פארלאזט זיך אויף 3,000 צוטריטליכע דירות וואס קומט אנליין ווי שנעל מעגליך. דורך האבן די סטעיט קומען צו הילף מיט די אנטוויקלונגען, טוט גאווערנער האקול און ניו יארק סטעיט פארזיכערן טויזנטער משפחות צו קענען לעבן אין דעם געגנט מיט אמת'ע פינאנציעלע סטאבילקייט אן ארויסשטויסן די עקסעסטירנדיגע איינוואוינער. צוטריטלעכע האוזינג איז גאר אן אנדערע מעשה פאר די משפחות, און איך קען זיך קוים דערווארטן צו זען די פאזיטיווע רושם וואס די דירות וועלן האבן אין אונדזער קאמיוניטי."

**BJ SEIU32 פרעזידענט מעני פאדטרייך האט געזאגט,** "בויען גענוג האוזינג, בויען גענוג צוטריטליכע האוזינג בלייט איינע פון די איינגעפעסטיגסטע פראבלעמען אין ניו יארק און ספעציעל דא אין דער סיטי. מיר דארפן האבן גרויסע, שטאלצע לייזונגען און מיר דארפן פראקטישע, לאמיר עס מאכן אקציע.און דער גאווערנערס אנאנס היינט איז א וויכטיגע ביישפיל פון לאמיר עס מאכן, א פאליסי פון תכלית. BJ 32 SEIU דאנקט גאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט אויף איינע פון די קריטישסטע ענינים פון אונדזערע צייטן - צוטריטליכע האוזינג - און פארן אויפקומען מיט א שכלדיגן פלאן דאס צו אדרעסירן."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן